צוויי קאָנפערענצען.

רעזאָלוציעס, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרען אויף דער X-טער קאָנפערענץ פון „בונד“ אין רוסלאַנד (אַפּריל 1917) און דער קאָנפערענץ פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּויל (דעצעמבער 1917).

פערלאַג
לעבנס-פראַגן
וואַרשאַ

1918 — № 1

427

DWIE KONFERENCJE.

Wydawnictwo „LEBENSFRAGEN", Warszawa, Nowolipie 7.

די X קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“ אין רוסלאַנד.

(אַפּריל 1917).

די 10-טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“, די ערשטע בײַ די פֿרײַע באַדינגונגען, איז פֿאָרגעקומען אין פּעטראָגראַד פֿון 1. ביז 6. אַפּריל.

מיר דרוקן איבער אייניגע פֿון די אָנגענומענע אויף דער קאָנפֿערענץ רעזאָלוציעס, וועלכע האָבען נאָך אויך איצט אַן אַקטועלע באַדײַטונג.

I צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע אין רוסלאַנד.

נעמענדיג אין אַכט:

1. אַז אין רוסלאַנד, אַלס אַ נאַציאָנאַליטעטען-מלוכה, שטעהט אויף מיט אַ באַזונדער שאַרפֿקייט פֿאַר דער גרינדונגס-פֿערזאַמלונג די פֿראַגען וועגן אַזעלכע פֿאָרמען פֿון דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, וואָס זאָלען אויפֿ'ן בעסטען אופֿן באַוואָרענען דאָס נאָרמאַלע צוזאַמענלעבען פֿון פֿערשידענע נאַציאָנאַליטעטען;

2. אַז דערבײַ דאַרף מען האָבען אין זינען פֿון איין זײַט, די קלאַסען-אינטערעסען פֿונ'ם פּראָלעטאַריאַט פֿון לאַנד אינגאַנצען, און די אַלגעמיינע אינטערעסען פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און פֿון דער אַנדערער זײַט, די היסטאָרישע ענטוויקלונגס-תנאים פֿון די נאַציאָנאַליטעטען און די שטרעבונג בײַ אַסך פֿון זיי צו נאַציאָנאַלער זעלבסטבעשטימונג; —

געפֿינט די 10-טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“ פֿאַר נויטיג צו באַאַרבײַטען די דאָזיגע פֿראַגע בהסכּם מיט'ן פּראָגראַם פֿון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. און מיט דעם פּראָגראַם פֿון „בונד“ אין דער נאַציאָנאַ-

לער פראַגע. צוזאַמען מיט די פאַרשטעהער פון דער ר. ס ד. א. פ.. און פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. צוליעב דעם דאָזיגען צוועק בעשליסט די קאָנפערענץ צו בילדען ביים צ.. ק. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע.

II. וועגען נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע

1. אין פולען הסכם מיט'ן פּראָגראַם וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס איז אָנגענומען אויפ'ן 6-טען צוזאַמענפאָהר פון „בונד", חקט די 10-טע קאָנפערענץ פון „בונד" אַרויס, ווי אַן אַקטועלען טאָג-לאָזונג, די פאָדערונג, אַז ס'זאָל תיכף פערווירקליכט ווערען די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר'ן יודישען פאָלק.

2. דורך אַ ספּעציעלען געזעץ פון דער גרינדונגס-פערזאַמלונג דאַרפען געשאַפען ווערען עפענטליך-רעכטליכע איינריכטונגען — פאַר יעדער אָרט, פאַר יעדער געגענד און פאַר דער גאַנצער מלוכה — אויסגעקליבען אויפ'ן יסוד פון אַלגעמיינע, גלייכע, געהיימע און דירעקטע וואַהל-רעכט, אָהן חילוק פון געשלעכט, וואָס דאַרפען אָרגאַניזירען און אָנפיהרען דאָס גאַנצע קולטור-לעבען פון דער יודישער נאַציאָן אין רוסלאַנד אויף פאָלגענדע יסודות:

א) אַ מיטגליד פון דער דאָזיגער עפענטליך-רעכטליכער אָרגאַניזאַציע איז יעדערער, וואָס ערקלעהרט זיך פאַר אַ יוד לויט זיין נאַציאָנאַליטעט;

ב) אין דער קאָמפּעטענץ פון דער דאָזיגער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אָרגאַניזאַציע געהערט אַריין דאָס גאַנצע קולטור-לעבען פון דער נאַציאָן: דאָס שול- און בילדונגס-וועזען, די ענטוויקלונג פון דער ליטעראַטור, פון דער קונסט, פון וויסענשאַפטליכע און טעכנישע קענטנישען.

ג) אַלע איינריכטונגען פון דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אָרגאַניזאַציע, צווישען זיי אויך די שולען, וואָס זי בעשאַפט, דאַרפען טראָגען דורכאויס אַ וועלטליכען כאַראַקטער..

אָנמערקונג: דער גאַנצער סכום ענינים, וואָס האָבען אַ שייכות צו אמונה און רעליגיעזע מנהגים, געהט ניט אַריין אין רשות פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע. יעדער טייל פון דער יודישער נאַציאָן, וואָס האָט רעליגיעזע בעדערפֿנישען, קען אויסבויען איהרע רעליגיעזע קהלה, ווי אַ פּריוואַט-רעכטליכען אינסטיטוט, וואָס געפינט זיך אונטער'ן שוץ פון די אַלגעמיינע געזעצען פון דער רוסלענדער דעמאָקראַטישער רעפּובליק;

ד) די שפּראַך פון דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אָרגאַניזאַציע איז יודיש;

ה) די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אָרגאַניזאַציע האָט דאָס רעכט צו בעקומען פון אַלגעמיינע מלוכה-מיטלען און פון אָרטיגע מיטלען אַנ-ענטשפּרעכענדען טייל פון בודזשעט; זי פֿערמאָגט אין די גרענעצען פון איהר קאָמפּעטענץ דאָס רעכט פון צוואַנגס-מאַכט בנוגע צו איהרע מיטגלידער און, ספּעציעל, דאָס רעכט אַרויפצולעגען דערגענצונגס-שטייער

אָנמערקונג: די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אָרגאַניזאַציע בעוואָרענט מיט איהר בודזשעט דאָס רעכט פון דער מינדערהייט פון דער אָרגאַניזאַציע צו האָבען אַ וועלטליכע שולע אויף אַן-אַנדער שפּראַך, אויסער יודיש.

III. וועגען פערווירקליכען
די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

די 10-טע קאָנפערענץ פון „בונד“ געפינט-אַיין:

I. תיכף, נאָך אַיידער עס וועט זיך צונויפקומען די אַלרוסישע גרינדונגס-פערזאַמלונג, דאַרף מען אויף די ערטער צוטרעטען צו בעשאַפען אָרגאַנען פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון דער יודישער נאַציאָן אויפ'ן יסוד פון אַלגעמיינע א. אַ. וו. וואַהל-רעכט מיט'ן אָנטייל פון אַלע בירגער עלטער פון 20 יאָהר. אָהן חלוק

פון געשלעכט, וואס צעהלען זיך צו צו דער יודישער נאציאנאליטעט.

די דאזיגע ארגאנען דארפען נעהמען אויף זיך צו פערוואלטען אלע יודישע פאלקס-שולען, וואס זענען שוין פאראן, ווי אויך צו פערברייטערן די יודישע שול-נעץ.

צוזאמען דערמיט דארף די דערוויילינגע רעגירונג ארויסגעבען א דעקרעט, אז די יודישע שולען ווערען איינגענומען אין דער אלגעמיינער שול-נעץ און אז יודיש ווערט דארט איינגעפיהרט אלס אונטעררכטס-שפראך.

II. די קאנפערענץ זאגט זיך ארויס פאר אן אנטייל אין דעם אלגעמיין-יודישען צוזאמענפאהר, וואס ווערט צונויפגערופען אויפ'ן יסוד פון אלגעמיינע א. אז. וו. וואהלרעכט פון אלע בירגער אהן חלוק פון געשלעכט, וואס צעהלען זיך צו צו דער יודישער נאציאנאליטעט — מחמת זי זעהט אין דעם א מיטעל פון קאמף פאר דער פערווירקליכונג פון דער נאציאנאל-קולטורעלער אויטאנאמיע.

דערביי געפינט די קאנפערענץ פאר נויטיג צו ערקלערען, אז דער זין פונ'ם אנטייל פון די יודישע ארבייטער אין דעם דאזיגען צוזאמענפאהר, זעהט זי איין אין דער נויטווענדיגקייט אויסצושטעלען קאנקרעט די פראגע וועגען דער נאציאנאל-קולטורעלער אויטאנאמיע. די פארשטעהער פון „בונד" אויפ'ן צוזאמענפאהר וועלען ענטשיידען קעמפען געגען אלע פרובען ארויסצורוקען וועלכע ס'איז אנדערע כלומרשטע אלגעמיין-נאציאנאלע אדער פאליטישע אויפגאבען..

די קאנפערענץ ערקלערט, אז די בעשלוסען פונ'ם יודישען צוזאמענפאהר קאנען נישט זיין אבליגאטאריש פאר'ן יודישען ארבייטער-קלאס. די פראגען, וואס וועלען געשטעלט ווערען אויפ'ן צוזאמענפאהר, וועלען ענדגילטיג פערענטפערט ווערען אין דער אל-רוסלענדער גרינדונגס-פערזאמלונג, וואו די פארשטעהער פון יודישען פראלעטאריאט וועלען, אינאיינעם מיט די פארשטעהער פון גאנצען רוסלענדער ארבייטער-קלאס, פיהרען זייער קאמף פאר די פערווירקליכונג פון זייער נאציאנאלען פראגראם.

דער איטועניגסטער כּוח פֿון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אָרגאַניזאַציע וועט בעשטימט ווערן דורך דער יודישער גרינדונגס־פֿערזאַמלונג אין די גרענעצן פֿון דער קאָמפּעטענץ, וועלכע וועט אײַנגעשטעלט ווערן דורך דער אַלרוסישער גרינדונגס־פֿערזאַמלונג און די גרונד־געזעצע.

IV. וועגען דער אָבשאַפֿונג פֿון די נאַציאָנאַלע בעגרענצונגען.

לויט דער איניציאַטיווע פֿון אַרבײַטער־ און סאָלדאַטען־ראַט, האָט די דערווײַליגע רעגירונג פּובליקירט אַ דעקרעט וועגן אָבשאַפֿן אַלע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע בעגרענעצונגען. דער דעקרעט בעצייכנעט דעם סוף פֿון דער הונדערט־יאָריגער שקלאַפֿערײַ, צו וועלכען עס האָט געבראַכט דער נצחון פֿון דער גרויסער תכלענדער רעוואָלוציע. די קאָנפֿערענץ קאָנסטאַטירט, אַז די אומשטענדן, בײַ וועלכע ס'איז פֿאָרגעקומען די אָבשאַפֿונג פֿון דער יודישער רעכטלאָזיגקייט, האָבן אינגאַנצן בעשטעטיגט די טאַקטיק פֿון דער יודישער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פֿון „בונד", אין דער יודענפֿראַגע. דער „בונד" האָט שטענדיג געהאַלטן, אַז נור אין גאַנג פֿון קאַמף פֿאַר דער פֿולער פֿערניכטונג פֿון זעלבסטהערשונג איז מעגליך די פֿערניכטונג פֿון דער בירגערליכער רעכטלאָזיגקייט. די קאָנפֿערענץ רופֿט דעם יודישען אַרבײַטער־קלאַס אויף ווײַטער ענערגיש בעטייליגען זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, וועלכע וועט ברענגען דעם יודישען פֿאָלק ניט נור בירגערליכע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע גלײַכבערעכטיגונג.

V. וועגען רעכט פֿאַר יודיש.

די קאָנפֿערענץ גיט איהר הסכמה אויף די טריט, וואָס עס האָט אונטערנומען דער צענטראַל־קאָמיטעט, כּדי צו פּועל'ן בײַ דער דער־

הײַליגער ענינונג, זי זאָל דורכפֿירען אין לעבען די גלייכבערעכטיגונג פֿון שפּראַכען. די קאָנפֿערענץ געפֿינט, אַז נור ווען די דאָזיגע פֿאָדערונג וועט ווערען פֿערווירקליכט, וועט מעגליך זיין צו דערנעהענטערען די אָרגאַנען פֿון דער אָרטיגער פֿערוואַלטונג און זעלבסט־פֿערוואַלטונג צו אַלע שיכטען פֿון דער בעפֿעלקערונג — אָהן דעם איז אונמעגליך צו דעמאָקראַטיזירען אינגאַנצען די דאָזיגע איינריכטונג.

VI. פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען.

1) די 10־טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“ רופֿט אַלע יודישע אַרבייטער, אויסצונוצען די פּאָליטישע פֿרייהייטען, וועלכע די רעוואָלוציע האָט אויסגעקעמפֿט, כדי צו שאַפֿען ברייטע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען.

2) די פֿעראיינען האַרפֿען שטרעבען צו פֿעראייניגען אַלע אַרבייטער פֿון פֿאַך, אָהן חילוק פֿון פּאַרטיי און נאַציאָנאַליטעט.

3) אויך צו פֿעראייניגען די טעטיגקייט פֿון די פֿעראיינען, האַלט די קאָנפֿערענץ פֿאַר נויטיג צו בעשאַפֿען אין יעדער שטאָדט אַ צענטראַל־ביוראָ פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען.

4) צוזאַמען מיט זייער עיקר־אויפֿגאַבע — אָרגאַניזירען דעם פּראָלעטאַריאַט צו זיין טאָג־טעגליכען קאַמף מיט די אונטערנעהמער — האַרפֿען די פֿעראיינען שטרעבען צו הויבען דעם קולטורעלען מצב פֿון זייערע מיטגלידער און בכלל פֿון די אַרבייטער־מאַסען, און צו ענטוויקלען זייער קלאַסען־בעוואוסטזיין. בהסכם מיט דער רעזאָלוציע פֿון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען (1910), געפֿינט די קאָנפֿערענץ פֿאַר נויטיג צו גרינדען ביי די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען נאַציאָנאַלע סעקציעס, כדי מ'זאָלען בעפֿרידיגט ווערען ווי געהעריג די קולטור־ און בילדונגס־בעדערפֿנישען.

5) די קאָנפֿערענץ זאָגט זיך אַרויס דערפֿאַר, אַז די פֿעראיינען

זאָלן זײַן אומפּאַרטײיִש, אָבער אינאײנעם דערמיט געפֿינען זיך פֿאַר נויטיק אײַנצושטעלן אַן ענגע אידעאיש פֿערבינדונג צווישן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און די פֿאַראײנען; צוליב דעם צוועק דאַרפֿן אין יעדן פֿאַראײן געשאַפֿן װערן סאָציאַל-דעמאָקראַטישע און ספּעציעל-בונדישע סעקציעס.

6) כּדי צו ענטװיקלען די פּראָפֿעסיאָנעלע באַװעגונג צווישן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און אויף אַרויסצוגעבן ליטעראַטור, װאָס דאַרף באַדינען די פּראָפֿעסיאָנעלע באַװעגונג, רעקאָמענדירט די קאָנפֿערענץ דעם צ. ק. צו אָרגאַניזירן בײַ זיך אַ פּראָפֿעסיאָנעלע קאָמיסיע.

VII. די קאָאָפּעראַטיװע באַװעגונג.

די קאָנפֿערענץ געפֿינט-אײַן, אַז די קאָנסום-קאָאָפּעראַציע איז אײנע פֿון די חשובֿסטע מיטלען צו פֿאַראײניקן די ברײטע אַרבעטער-מאַסן, צו געבן זײ אַ געזעלשאַפֿטלעכע און קלאַסן-ערציִונג.

די קאָנסום-קאָאָפּעראַציע האָט אַ באַזונדער װערט פֿאַר'ן אַרבעטער-קלאַס בײַ הײַנטיקן טאָג, מחמת זי שפּילט שוין און איז באַרופֿן צו שפּילן לעתיד װידער אַ חשובֿע ראָליע בײַם רעגולירן די שפּײַז-פֿראַגע אין רוסלאַנד און אין פֿאַרגרינגערן דעם אַרבעטער-קלאַס איבערטראָגן דעם שפּײַזונגס-קריזיס.

די קאָנפֿערענץ געפֿינט-אײַן, אַז נאָר דעמאָלט װעט די פּראָלעטאַרישע קאָנסום-קאָאָפּעראַציע קענען ענטװיקלען זיך װי געהעריק, און פֿאַראײניקן די ברײטע שיכטן פֿון דער אַרבעטער-מאַסע, װען די אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיװן װעלן צונעמען פֿאַר חבֿרים אַלע אַרבעטער, װאָס װילן נעמען אין זײ אַנטײל, אָן חילוק פֿון פּאַרטײ און נאַציאָנאַליטעט.

געפֿינענדיק, אַז ס'איז אײנע פֿון די חשובֿע אויפֿגאַבן פֿון דער פּראָלעטאַרישער קאָנסום-קאָאָפּעראַציע צו ענטװיקלען אַ ברײטע קולטור- און בילדונגס-טעטיקײט, האַלט די קאָנפֿערענץ פֿאַר נויטיק,

אַז אין די קאָאָפּעראַטיוון מיט אַ געמישטען נאַציאָנאַלען בע-
שטאַנד זאָלען געבילדעט ווערען נאַציאָנאַלע סעקציעס; זייער
אויפגאַבע האָט זיין, בעפרידיגען די קולטור- און בילדונגס-בע-
דערפֿנישען פֿון פֿערשידענע גרופען מיטגלידער פֿון קאָאָפּעראַטיוו.

די קאָנפֿערענץ געפֿינט, אַז נייע אַרבייטער-קאָנסום-פֿעראיינען איז
געוואונשען צו גרינדען נור אין די ערטער, וואו ס'זענען קאָנצענטרירט
געדיכטע מאַסען אַרבייטער און וואו מען קאָן זיך ריכטען, אַז דער
אַרבייטער-קאָאָפּעראַטיוו וועט פֿעראייניגען אַ גענוגע צאָהל מיט-
גלידער.

די קאָנפֿערענץ רופֿט די יודישע אַרבייטער אַריינצוטרעטען אין
די עקזיסטירענדע אַרבייטער-קאָנסום-פֿעראיינען און צו בילדען נייע
קאָאָפּעראַטיוון דאָרט, וואו אַזוינע זענען נאָך נישטאָ. אינאיינעם דער-
מיט האַלט די קאָנפֿערענץ פֿאַר געוואונשען, אַז דאָרט, וואו ס'איז
צוליעב אָרטיגע אומשטענדען אוממעגליך צו גרינדען ריין-פּראָלעטאַ-
רישע קאָאָפּעראַטיוון, זאָלען די אַרבייטער אַריינטרעטען אין די
געמישטע (נישט ריין-פּראָלעטאַרישע) קאָאָפּעראַטיוון, כדי דורך
זייער אַקטיווען אָנטייל אין די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס צו שטופּען
זיי דערצו, אַז זיי זאָלען ברייט בעדינען די מאַטעריעלע און
קולטורעלע בעדערפֿנישען פֿון דער אַרבייטער-מאַסע.

די קאָנפֿערענץ פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילען

אין דעצעמבער 1917 איז פֿאָרגעקומען די ערשטע פֿאַר דער
צייט פֿון דער מלחמה קאָנפֿערענץ פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס
אין פּוילען. לויט דעם מאָדוס, וועלכער איז פֿריהער אויסגעאַרבייט
געוואָרען דורך דעם „קאָמיטעט פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס
אין פּוילען (פּ. ק.), האָבען געקאָנט שיקען דעלעגאַטען בלויז
די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע צעהלען נישט ווייניגער פֿון 50 מיט-

גלידער. מיט דעם עיקרדיקן טייל, וואָס שטייען ערטער זענען ניט
געווען פֿעדעראַציעס, טראָץ דעם, וואָס דאָרט עקזיסטירן אָרגאַ-
ניזאַציעס. אַגיטאַציאָנס-מאַטעריאַל איז געמאַכט געוואָרן פֿאַר אַ פּאָר שטעדט
וועלכע דער פּ. ק. האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק אײַנצולאַדן אויף
די קאָנפֿערענץ. פֿאַרטרעטן זענען געווען: וואַרשע מיט 6 דעלע-
גאַטן; לאָדז — 4; שעדלעץ — 1 לוקאָוו — 1; וולאָצלאַוועק — 1,
טשענסטאָכאָוו — 2; זאַגלעמביע — 2; לובלין — 2; פּעטריקאָוו — 1,
כעלם — 1; קאַליש — 1; ראַדאָם — 1 און פֿון פּ. ק. — 2. אויסערדעם
זענען דורכן פּ. ק. איינגעלאַדן געוואָרן 3 חברים. צוזאַמען מיט
די איינגעלאַדענע האָבן אָנטיילגענומען אין דער קאָנפֿערענץ 28
חברים: פֿון זיי 26 מיט באַשליסנדע-רעכט און 2 מיט באַראַטונגס-
רעכט.

אויף דער טאָג-אָרדנונג פֿון דער קאָנפֿערענץ זענען געשטאַנען
פֿאָלגענדע פֿראַגן: 1) די באַריכטן פֿון די ערטער און פֿון פּ. ק.;
2) דער יעצטיקער פּאָליטישער מאָמענט און די אויפֿגאַבן פֿון
פּראָלעטאַריאַט; 3) די פּוילישע פֿראַגע; 4) אונזער אַרבעט: פּראָפֿעסיאָ-
נעלע און קולטורעלע, ווירטשאַפֿטלעכע, פּאָליטישע; אַ פּראָיעקט
פֿון אַ פּאַרטיי-פּראָגראַם; 5) שול-פֿראַגע; 6) די אַרבעט אין די
שטאָט-ראַטן; 7) די גמינע-פֿראַגע; 8) אונזער פּרעסע; 9) די באַ-
ציִונג צו אַנדערע פּאַרטייען; 10) פֿאָרשלאָגן; 11) וואַלן פֿון
צ. ק. צוליב מאַנגל אין צײַט זענען די פּונקטן 5, 6, 7 ניט
באַטראַכט געוואָרן.

וועגן די באַהאַנדלטע פּונקטן פֿון טאָגאָרדנונג האָט
די קאָנפֿערענץ אָנגענומען פֿאָלגענדע רעזאָלוציעס.

איבערהערנדיג די באַריכטן פֿון די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס און פֿון קאָמיטעט
פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן (פּ. ק.) קאָנסטאַטירט די קאָנפֿערענץ:

1) די אַרבעט פֿון די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס, אין אַלגעמיין זייער אַ לעבעדיגע,
איז געווען געפֿירט ניט סיסטעמאַטיש און ניט איינהייטלעך צוליב מאַנגל
אין אָנפֿירונג מצד דעם פּ. ק.;

2) בעדייטענדע ראַיאָנען פֿון אונזער לאַנד, ווי דער פּלאָצקער, לאָמזשער
און קעלצער, זענען ניט אַרומגענומען פֿון אונזער באַוועגונג;

ג) דער ביז־יעצטיגער פּ. ק., וועלכער איז געווען פֿון צ. ק. נאָמינירט, איז פֿאָרמעל נור פֿאַר איהם פֿעראַנטוואָרטליך;

ד) די בעגרענצטע פֿון אָנהויב אויפֿגאַבען פֿון פּ. ק. האָבען זיך מיט דער צייט אויף אַזוי פֿיעל ענטוויקעלט, אַז עס איז פֿאַקטיש נישט געווען קיין מעגליכקייט זיי צו ערפֿילען.

אַרויסגעהענדיג פֿון דעם אַלעם, אָנערקענט די קאָנפֿערענץ, אַז דער פּ. ק. האָט, לויט מעגליכקייט, ערפֿילט זיינע אויפֿגאַבען, און דריקט־אויס אָנערקענונג די חברים, וועלכע זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף זייער פּאָסטען און האָבען, לויט זייערע כחות, ערפֿילט די שווערע פֿעראַנטוואָרטליכע אַרבייט, וואָס איז אויף זיי געלעגען.

וועגען דעם יעצטיגען פּאָליטישען מאָמענט און די אויפֿגאַבען פֿון פּראָלעטאַריאַט.

דער אימפּעריאַליזם פֿון די הערשענדע קלאַסען האָט געבראַכט צום צוזאַמענשטויס די אונגעהויערע בעוואָפֿענטע קרעפֿטען פֿון די גרויס־מלוכות און האָט אַריינגעצויגען אין תהום פֿון דער מלחמה אויך קליינע מלוכות און פֿעלקער.

אַרויסטרעטענדיג מיט צבועישע לאָזונגען פֿון נאַציאָנאַליזם, פֿון בעשיצען דאָס בעפֿאַלענע פֿאָטערלאַנד אָדער די רעכט פֿון אונטערדריקטע פֿעלקער, פֿון קאַמף מיט'ן צאַריזם, אָדער מיט'ן פּרייסישען מיליטאַריזם — האָבען די גרויסע מלוכות מיט די דערמאָהנטע לאָזונגען אַרויסגערופֿען אַ צעטומלעניש אין די מוחות פֿון די ברייטע פֿאָלקס־מאַסען און אויך פֿון אַרבייטער־קלאַס.

דער וויכטיגסטער טייל פֿון די פּאָליטישע און פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס האָט זיך געלאָזט מיטרייסען דורכ'ן שטראָם פֿון מאָמענט, און האָט אונטערגעכאַפּט דעם לאָזונג פֿון דער בורזשואַזיע וועגען נאַציאָנאַלער אחדות און שלום צווישען די קלאַסען.

מיט דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פֿון דער מלחמה ענטפּלעקען זיך לאַנגזאַם אָבער בסדר איהרע אמת'ע צילען און רעזולטאַטען; די פֿאַרבלענדענישען פֿון די ברייטע מאַסען ווערען פֿערשוואונדען, און עס שטעלט זיך בולט אַרויס דער אימפּעריאַליסטישער קלאַסען־כאַראַקטער פֿון דער מלחמה.

די וואַקסענדע אָרימקייט פֿון איין זייט און די אונגעהייערע בערייכערונג פֿון קליינע גרופּע שפּעקולאַנטען און קריגס־ליפֿעראַנטען פֿון דער צווייטער — עפֿענען די אויגען אפֿילו די אָבגעשטאַנענסטע עלעמענטען.

פֿון דעם מאָמענט אָן דרינגט־אַריין אין די מוחות פֿון די אַרבייטער־מאַסען דאָס בעוואוסטזיין, אַז ריכטיג איז געווען די שטעלונג פֿון יענע טיילען פֿון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָבען גלייך פֿון אָנ־

הויב-אָן ערקלערט „קריעג דעם קריעג“, און וועלכע האָבן דאָס שפּעטער פאָרמולירט אויף דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ.

די רוסישע רעוואָלוציע און די ראָלע, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט שפּילט אין איהר, האָט געוואָרפען אַנ'אֵמה אויף די בעזיצענדע קלאַסען פון די מלחמה-פיהרענדע מלוכות, וועלכע, איינזעהענדיג אַ געפאַהר פאַר די גרונד-יסודות פון דער עקזיסטירענדער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג — וועלען מיזען זיין געצוואונגען צו ליקווידירען די בלוטיגע מלחמה.

דער קלאַסען-בעוואוסטער פּראָלעטאַריאַט קאָן נישט דערלאָזען, אַז די גרויסע ערשיטערונגען, וואָס די מלחמה האָט פערשאַפט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, זאָלען בלייבען אָהן רעזולטאַטען פאַר די פערווירקליכונג פון דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל.

קאָנסטאַטירענדיג, אַז אַלס דירעקטע רעזולטאַטען פון דער מלחמה: א) האָט זיך די עלענד פון די ברייטסטע אַרבייטער- און פאָלקס-מאַסען פערשטאַרקט; ב) די געגענזאַצען צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל זענען נאָך פיעל בולטער געוואָרען; ג) דאָס סאָציאַליסטישע בעוואוסטזיין פון די אַרבייטער-מאַסען וועט מוזען זיך ענטוויקלען אין אַ פיעל שנעלערען טעמפּ, — אָנערקענט די קאָנפערענץ, אַז די הויפּט-אויפגאַבע פון פּראָלעטאַריאַט אין איצטיגען מאָמענט דאַרף זיין: אויסניצען די דעזאָרגאַניזאַציע פון פּאָליטישען און ווירטשאַפטליכען מלוכה-אַפּאַראַט, וואָס די מלחמה האָט בעשאַפען, כדי אַרויסצורייסען פון דער בורזשואַזיע וואָס אַ גרעסערען סכום פּאָליטישע מאַכט, און דערצו דאַרף ער שוין איצט ער זיך דערשלאָגען —

א) אַ דירעקטען אָנטייל פון די פּאַרטייען פון אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט אין די שלום-אונטערהאַנדלונגען, כדי צו שליסען אַ שלום אָהן אַנעקסיעס און אָהן קאָנטריבוציעס, אויפ'ן גרונד פון זעלבסטבעשטימונגס-רעכט פון פעלקער;

ב) די דעמאָקראַטיזירונג פון די פּאָליטישע אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען (נישט שליסען קיין שום אָבמאַכען, ווירטשאַפטליכע אָדער פּאָליטישע, אָהן דירעקטען אָנטייל פון די פּאַרלאַמענטען, אַ דירעקטער קאָנטראָל פון די לעצטע איבער די אויספיהרונג פון די דאָזיגע אָבמאַכען);

ג) אַ פולשטענדיגע דעמאָקראַטיזירונג פון פּאָליטישען לעבען, די פערניכטונג פון די אַלע איבערגעבליבענע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּריווילעגיעס און דאָס איבערגעבען די גאַנצע געזעצגעבערישע און אויספיהרענדע מאַכט אויסשליסליך אין רשות פון די געוועהלטע אויף די ברייטסטע דעמאָקראַטישע יסודות פּאַרלאַמענטען.

ד) אַ פולשטענדיגע דעמאָקראַטיזירונג פון די אָרטיגע אָרגאַנען פון דער שטאָדטישער און דאָרפישער זעלבסטפערוואַלטונג, געהעלטע געזעצגעבערישע און אויספיהרונגס-אָרגאַנען;

ד) איינפירען ארבייטער-מיניסטעריומס פון פארשטעהער פון פראלעטאריאט, וועלכע דארפען האבען אין זייער רשות דעם קאנטראל-אפאראט איבער'ן גאנצען ווירטשאפטליכען לעבען;

ו) איבערגעבען אין רשות פון דער דעמאקראטישער מלוכה די וויכטיגסטע פראדוקציאנס-צווייגען און אוצרות פון רויה-שטאפען (מעטאל-, אייזען-, קויהלען-גרובען, אייזענבאהן- און שיפס-פערקעהר א. ד. גל.).

דאס זענען די נאהענטסטע לאזונגען, וועלכע דער סאציאליסטישער פראלעטאריאט פון אלע לענדער דארף ארויסשטעלען אין איצטיגען מאמענט. די סאציאליסטישע פארטייען פון אלע לענדער דארפען אנהויבען א ברייטע אויפקלערונגס-ארבייט, אז אלע פראלעטאריער, סיי די פון די פאבריקען און ווערקשטאטען, סיי די, וואס געפינען זיך אויף די מלחמה-פראנטען און אין די שוץ-גראבענס, זאלען די דאזיגע לאזונגען און פאדערונגען אונטערשטיצען.

*

כדי דער קאמף פאר די פערווירקליכונג פון סאציאליזם זאל געפיהרט ווערען מיט מעהר ערפאלג ווי ביז איצט, איז נויטיג, אז דער לאקאלער קאמף פון פראלעטאריאט אין יעדער באזונדער לאנד זאל ענגער און פעסטער ווי ביז איצט, זיין צוזאמענגעבונדען מיט'ן קאמף פון גאנצען אינטערנאציאנאלען און סאציאליסטישען פראלעטאריאט — און דעריבער מוז דער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאל ווידער אויפגעבויט ווערען אויף נייע יסודות, אויף וועלכע, וועלכע זאלען איהם געבען די מעגליכקייט צו פעראיינהייטליכען די טעטיגקייט פון זיינע באזונדערע סעקציעס אין יעדען לאנד, און פעסטער זיי צווישען זיך צוזאמענבינדען.

III ווענען דער פוילען-פראגע.

כאראקטעריזירענדיג די פאליטיק און די בעהאוסטע אקטען פון די צענטראלע מלוכות (פון 5. נאוועמבער 1916 און 12. סעפטעמבער 1917) בנוגע פוילען, שטעלט די קאנפערענץ פעסט, אז

„די דאזיגע פאליטיק ווי אויך פון דער קאאליציע בנוגע פוילען, אין דער צייט פון קריעג, איז פון אנפאנג-אן בעקעמפט געווארען דורכ'ן בעוואוסטזיניגען, ארגאניזירטען יודישען פראלעטאריאט, וועלכער האט מיט דער אימפעריאליסטישער מלחמה נישט צוזאמענגעבונדען קיין שום בעפרייאונגס-ציעלען.

גלייכצייטיג האט דער קלאסען-בעוואוסטער יודישער פראלעטאריאט זיך געגענגעשטעלט און ענערגיש בעקעמפט די אזוי-גערופענע נאציאנאלע פאליטיק פון געוויסע שיכטען פון דער פוילישער, ווי פון דער נאך זיי נאכשלעפענדער יודישער בירזשואזער געזעלשאפט, איינזעהענדיג אין דער דאזיגער פאליטיק א שטרעבונג צו פערשאלטען די אינטערעסען פון די ברייטע פאלקס-מאסען, צום שאדען פון זייערע אייגענע ענגע גרופען- און קלאסען-אינטערעסען.

דאסגלייכען האט אונזער פארטיי דענאנסירט און בעקעמפט אלע פראבעס

כצד די כלומר'שטע סאָציאַליסטישע גרופּען בײַ אונז אין לאַנד, אײַנצושפּאַנען די אַרבעטער-מאַסען אין וואָגען פֿון דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליסטיש-שאָוויניסטישער פּאָליטיק.

אָפּשאַצענדיג די פּאָליטיק פֿון די מלחמה-פֿיהרענדע מלוכות פֿון איין זײַט, און פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט מיט איהרע כלומר'שטע סאָציאַליסטישע מיט-העלפֿער פֿון דער צווייטער — וואַרפֿען מיר ענטשיעדען אָב יעדען פֿערזוך צו בעשטימען דעם גורל פֿון לאַנד אָהן דעם ווילען און געגען דעם ווילען פֿון זײַן בעפֿעלקערונג".

הײַנטער ווערט געזאָגט אין דער רעזאָלוציע, אַז

ניט דאָס „צבוע'שע זעלבסטבעשטימונגס-רעכט, וואָס מען האַרבט-אָן אינ-זער לאַנד, נאָר אַן אָנגעפֿעלשטע קאָנסטיטויאירענדע פֿערזאַמלונג אויפֿ'ן גרונד פֿון אַלגעמיינע, גלײַכע, געהיימע, דירעקטע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַהלען, אָהן אונטערשייד פֿון געשלעכט און נאַציאָנאַליטעט, בײַ בעדינגונגען, וועלכע זאָלען גאַראַנטירען דער בעפֿעלקערונג, סײַ דער, וואָס געפֿינט זיך אויפֿ'ן אָרט, סײַ דער, וועלכע די מלחמה האָט פֿון לאַנד פֿערטריבען (עוואַקויאירטע, עמיגרירטע אויף אַרבײַט א. אַז. וו.), פֿרײַ צו בעטײליגען זיך אין די וואַהלען, דאַרף ענטשיידען די פֿראַגע וועגען אינערליכען אויפֿבוי פֿון אונזער לאַנד, ווי וועגען זײַן בעצי-הונגען מיט די שכנות'דיגע מלוכות.

*

די קאָנפֿערענץ שטעלט פֿעסט, דאָס דעם מאַקסימום גאַראַנטיעס פֿאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פֿון נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, אויף וויפֿיעל מען קאָן בכלל רעדען וועגען אַזעלכע גאַראַנטיעס אין די ראַהמען פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, קאָן געבען נור די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

און דערום, אין איצטיגען מאָמענט, ווען די פּוילען-פֿראַגע אין איהר גאַנצען אומפֿאַנג איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען אויף דער טאָגעס-אָרדנונג, שטעלט-פֿאָרויס דער קלאַסען-בעוואוסטער יודישער פּראָלעטאַריאַט, צווישען אַנדערע, די פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע פֿאַר דאָס יודישע פֿאָלק אין פּוילען, אַלס אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין לאַנד.

IV די בעציהונג צו אַנדערע פּאַרטייען.

די קאָנפֿערענץ שטעלט פֿעסט, אַז די פֿאָלקיסטען זײַנען אַ גרופּע, וועלכע רעפּרעזענטירט די אינטערעסען פֿון דעם יודישען קלײנבירגער, און פֿיהרט-דורך, אונטער דעם מאַנטעל פֿון ראַדיקאַלע און דעמאָקראַטישע פֿראַזען, איהרע אויסגע-שפּראָכענע נאַציאָנאַליסטישע און טײלווײַז אויך קלעריקאַלע טענדענצען — און

בעשליסט אויפצודעקן די נישט-אויסגעהאַלטענע, וואַקלדיגע און כלומר'שט דע-מאָקראַטישע שטעלונג פון דער פאָלקס-פּאַרטיי און ענטשידען בעקעמפען יעדען פּרוּוו אַריינצוציהען אין איהר אַזוי-גערופענע פאָלקס-אַרבייט די פּראָלעטאַרישע מאַסען.

די קאָנפערענץ בעשליסט צו בעקעמפען דעם קלעריקאַליזם, וועלכער בעמיהט זיך צו פערשפּרייטען זיין השפעה אויפ'ן געזעלשאַפטליכען לעבען („אגודת-האורטודוקסים" און אַנד.).

בנוגע דעם ציוניזם, דערמאָהנט די קאָנפערענץ די רעזאָלוציעס פון אונזערע פריהערדיגע צוזאַמענפאָהרען וועגען די נויטיגקייט צו בעקעמפען דעם ציוניזם אין אַלע זיינע געשטאַלטען און שאַטירונגען.

בעזונדערס דאַרף דער קאַמף געפיהרט ווערען געגען די „פּועלי-ציון", וואָס פערדעקן זייערע אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַליסטישע און קליינבירגערליכע וועלט-אנשויאונג מיט דעה קלינגענדע רעוואָלוציאָנערע פראַזע און דעמאַגאָגישער אגיטאַציע.

אין קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער צוקונפט דאַרף דער יודישער אַרבייטער אין פּוילען זיך שטיצען אויף זיין נאָהענטסטען מיטהעלפער — דעם פּוילישען פּראָלעטאַריער.

ענטוויקלענדיג דעם געפיהל פון אינטערנאַציאָנאַלער אַחדות און סאָלידאַריטעט ביי דעם יודישען אַרבייטער, דאַרף אונזער פּאַרטיי שטרעבען, ניט-אָבזעהענדיג אַמינדערסטען פון די פּרינציפּען פון אונזער פּראָגראַם, עס זאָלען געשאַפען ווערען די נויטווענדיגע פאָרמען פאַר אַ געמיינזאַמער פּאַרטיי פון יודישען און פּוילישען פּראָלעטאַריאַט אין דער צוקונפט.

V וועגען אונזער אַרבייט.

1) אויפ'ן פּראָפעסיאָנעלען געביט.

א) די קאָנפערענץ רעקאָמענדירט אונזערע חברים, מיטהעלפען צו שאַפען אין יעדען פּראָדוקציאָנס-צווייג פּראָפ. פעראיינען, וועלכע דאַרפען שטעהן אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון קלאַסען-קאַמף און וועלכע דאַרפען אַרומנעהמען אַלע אַרבייטער פון גאַנצען לאַנד, אָהן אונטערשיד פון געשלעכט, נאַציאָנאַליטעט, גלויבען און פּאָליטישע איבערצייגונגען.

ב) אויך צו פיהרען די פּראָפעסיאָנעלע אויפקלערונגס-אַרבייט אין דער מוטער-שפּראַך פון די מיטגלידער, דאַרפען אין יעדען פעראיין געבילדעט ווערען נאַציאָנאַל-קולטורעלע סעקציעס.

ג) די קאָנפערענץ לעגט-אַרויף אַ חוב אויף יעדען פּאַרטיי-מיטגליד אַריינצוטרעטען אין פּראָפ. פעראיין פון זיין פאַך און אַקטיוו זיך בעטייליגען אין דער פּראָפ. אַרבייט.

כדי צו פֿעראייניטליכען די טעטיגקייט פֿון די פּראָפֿ. פֿעראיינען און פּלאַנמעסיג אויסצושטעלען די אַרבייט, געפֿינט די קאָנפֿערענץ פֿאַר נויטיג, ס'זאָל אין דער נאָהענטסטער צוקונפֿט צונויפֿגערופֿען ווערען אַ צוזאַמענפֿאָהר פֿון די פֿאָרשטעהער פֿון די פּראָפֿ. אָרגאַניזאַציעס.

2) אויפֿ'ן קולטורעלען געביט.

א) די קאָנפֿערענץ הייסט-אָן אויף די נויטיגקייט צו שאַפֿען, וואו נור ס'איז מעגליך, אַרבייטער-קולטור-פֿעראיינען, אין וועלכע די קולטורעלע אַרבייט זאָל געפֿיהרט ווערען אין אונזער גייסט, און וועלכע זאָלען דינען אַלס שטיץ-פּונקט און ווירקונגס-צענטער פֿאַר אונזער פּאַרטיי.

אַלס מיטגלידער פֿון אַזעלכע פֿעראיינען קאָנען נישט צוגעלאָזען ווערען אָנהענגער פֿון אַנדערע פֿיינדליכע פֿון אונז פּאַרטייען.

ב) יעדער פּאַרטיי-מיטגליד איז מחויב אַריינצוטרעטען אין אַזעלכע קולטור-פֿעראיינען און אַקטיוו זיך בעטייליגען אין זייער אַרבייט.

ג) אין די קלענערע שטעדט, וואו ס'איז נישט מעגליך צו שאַפֿען אייגענע קולטורעלע אינסטיטוציעס און מען קאָן נישט אויף אַן אַנדער אופֿן בעפֿריעדיגען די קולטורעלע בעדערפֿנישען פֿון די אַרבייטער — קאָנען אונזערע חברים זיך בעטייליגען אין אַנדערע קולטורעלע פֿעראיינען (ביבליאָטעקען, לעזע-זאַלען א. ד. גל.), אויף וויפֿיעל זיי טראָגען נישט קיין אויסגעשפּראָכענעם פּאַרטיי-כאַראַקטער, — בילדען אין זיי אונזערע גרופּען און פֿערשפּרייטען אונזער ווירקונג.

אונזערע גרופּען אין אַזעלכע פֿעראיינען דאַרפֿען אַרבייטען אונטער דער דירעקטער אויפֿזיכט פֿון דער פּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע. אין די פֿערוואַלטונגען פֿון אַזעלכע פֿעראיינען קאָנען אונזערע חברים אַריינטרעטען נור דאַן, ווען זיי קאָנען בילדען אַ מעהרהייט.

3) אויפֿ'ן ווירטשאַפֿטליכען געביט.

1) די קאָנפֿערענץ זעהט-אין אין די קאָאָפּעראַטיווע קאָנסום-פֿעראיינען איינעם פֿון די ווירקזאַמסטע מיטלען צו בעקעמפֿען די שפּעקולאַציע און צו בעוואָרענען די אַרבייטער-פֿערבּרויכער מיט רעעלע, נישט-געפֿעלשטע לעבענס-פּראָדוקטען, — און רעקאָמענדירט דעריבער די חברים, צו שאַפֿען אַזעלכע אַרבייטער-קאָאָפּעראַטיוון, וואו נור ס'איז מעגליך.

אין די דאָזיגע קאָאָפּעראַטיוון דאַרפֿען זיך פֿעראייניגען וואָס-ברייטערע שיכטען פֿון אַרבייטער און דאַרפֿען זיין געבויט בהסכם מיט די גרונד-פּרינציפּען פֿון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסען-בעוועגונג.

2) כדי אָפּצוהיטען די אַרבייטסלאָזע פֿון דעמאָראַליזירענדער ווירקונג פֿון

די פּלאַנטראַפּישע אינסטיטוציעס, רעקאָמענדירט די קאָנפֿערענץ צו גרינדען אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות אַרבייטער-קיכען, טהיי-האַלעס און ענהליכע הילפס-שטעטליכע אינסטיטוציעס. פֿאַר אַזעלכע אינסטיטוציעס דאַרף מען פֿאָדערן סובּסידיעס פֿון די אָרטיגע מאַגיסטראַטען און יודישע געמיינדעס.

די קאָנפֿערענץ רעקאָמענדירט אונזערע קאָאָפּעראַטיווע טהיער צו אָרגאַניזירען אין דער נאָהענטסטער צוקונפֿט אַ בעראַטונג פֿון די שוין-עקזיסטירענדע אַרבייטער-קאָנסום-פֿעראיינען, כדי קלאָר צו מאַכען די טעאָרעטישע יסודות, אויף וועלכע עס דאַרף געבויט ווערען די אַרבייטער-קאָנסום-קאָאָפּעראַטיווען און פֿעראיינהייטליכען די טעטיגקייט פֿון די שוין-עקזיסטירענדע קאָאָפּעראַטיוען.

VI אונזער פּרעסע.

נאָכ'ן בעריכט וועגען דער טעטיגקייט אויף דעם געביעט, טראָגט-אַרויס די קאָנפֿערענץ אַ רייה וואונשען, אונטער אַנדערע:

א) אַרויסגעבען אַ טעגליכע צייטונג. עווענטועל צוויי מאָל וועכענטליך;

ב) דער צ. ק. זאָל זיך בעמיהען אַרויסגעבען מאַסען-פּאָפּולערע בראָשורען.

VII פֿאָרשלאַגען.

צווישען אַנדערע פֿאָרשלאַגען האָט די קאָנפֿערענץ אָנגענומען אַ וואונש, אַז די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס זאָלען שטיצען די פּאָליטישע אַרעסטירטע און געפֿאַנגענע חברים.

לעבענס=פראגען

וועכענטליכע סאציאל־דעמאקראטישע ארבייטער־צייטונג.

די צייטונג פערטיידיגט די אינטערעסען פון דעם אַרבייטער און האַנדעלס=פראָלעטאַריאַט.

דאס פראָגראם פון די „לעבענס=פראַגען" איז דאָס פראָגראַם פון „בונד".

אבאָנאמענטס=פרייז:

א יאהר 9,60, אַ האַלב יאהר 4,80, אַ פערטעל יאהר 2,40 א מאָנאַט 80 פ.

איינצעלפערקויף 20 פעניג.

אדרעס פון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:

ווארשא, נאָוואָליפיע 7 ״. 12.

פאסט פאַך № 27

פרייז 50 פעניג

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען:

פערלאג „לעבענס-פראגען", ווארשא, נאוואליפיע 7

פאסט-פאך № 27

Geprüft und freigegeben Presseverwaltung Warschau den 18/3 1918, Tgb. 9471. Dr. 103. Druk. O. Rom, Nowolipie 7.